# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:19
מוצאי שב"ק.................8:50

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............ירמיה י"ד-ט"ו
בבלי......................יומא ו'
ירושלמי.............כתובות ל"א
תוספתא................נגעים ט'
רמב"ם......מאכלות אסורות א'


*פרשת תזריע מצורע, ה' אייר, אבות פרק ב', כ' לעומר, שנת תשפ"א לפ"ק* — *שנה 10, גליון 30 (495)*


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** אַ מְצֹרָע דַארְף זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנָה אַלֵיין אוּן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ד) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם, עֶר ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַאן דַארְף עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן שְׁטֶענְדִיג אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אֵיינְמָאל מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ דַאן קְרִיגְט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַלֶעס הָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

דֶער מְצֹרָע אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקוּן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי מַחֲנָה, עֶר זָאל זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען עֶר טוּהן, עֶר קֶען זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען רֶעדְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, **בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** אַ מְצֹרָע דַארְף גֵיין זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין. פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואלְט דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, עֶר וָואלְט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט אַלֵיין, עֶר וָואלְט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אוֹיסְגִיסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ. אָבֶּער דֶער מְצֹרָע, וָואס הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶענוּצְט זַיין מוֹיל אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, רֶעדְן צוּ יֶעדְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוּן גֶעפִירְט מַחְלוֹקֶת, פַאר אִים אִיז דָאס זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף, עֶר זִיצְט דָארְט אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין אוּן הָאט נִישְׁט פַאר וֶועמֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם מַצָּב, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, דַאן אִיז זַיין עֵצָה "**זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ, וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**", עֶר זָאל גֵיין צוּם כֹּהֵן, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וָואס עֶר וֶועט אִים דֶערְלַייכְטְן דִי אוֹיגְן, עֶר וֶועט אִים וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג צוּ נוּצְן דֶעם מוֹיל ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נָאר צוּ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דַאן וֶוען דֶער מְצֹרָע וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אַלֵיין, וֶועט עֶר אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר וֶועט אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן פִירְן מַחְלוֹקֶת, עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן ס'וֶועט אִים שׁוֹין זַיין נָאר גוּט בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל תַּזְרִיעַ-מְצֹרָע תשס"א)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מְמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו').

לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְּרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּהֶערְן טוּן וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ טוּן?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ק'): "עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז מֶען קֶען נִישְׁט, אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ בְּחִירָה, אוֹיבּ מֶען וִויל - טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען וִויל נִישְׁט - טוּט מֶען נִישְׁט".

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי קַשְׁיָא, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז זֵיי מֵיינֶען עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים."

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צוּ תשפ"א)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מִיט אֱמוּנָה פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים; וִוי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער גֵייעֶן אַוֶועק דִי פְּחָדִים, וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשִׁיצְט מִיר', - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעטוּן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען; עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין הֵייל‍ְן אוּן אִין טָאלְן, עֶר הָאט גֶעחַזְרְ'ט דִי אֱמוּנָה, בִּיז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן (תְּהִלִּים כז, א): "ה', אוֹרִי וְיִשְׁעִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין הִילְף, "מִמִּי אִירָא", פוּן וֶועם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁרֶעקְן? אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "ה' מָעוֹז חַיַּי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שְׁטַארְק מַיין לֶעבְּן, "מִמִּי אֶפְחָד", פַאר וֶועם זָאל אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן?

דָאס אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן שְׁרֶעק, חַזְרְ'ן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר"; דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק.

גֶעווֹאוֹינְט אַייךְ אַיין צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע תְּהִילִים, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע פְּחָדִים, יֶעדֶע קַאפִּיטְל תְּהִילִים אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן. זִינְגְט דִי פְּסוּקִים פוּן תְּהִילִים (קיח, ו-ט): "ה' לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, "לֹא אִירָא", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", וֶוער קֶען מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, "ה' לִי בְּעֹזְרָי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין הֶעלְפֶער, "וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי", אִיךְ וֶועל זֶען אַ נְקָמָה אִין מַיינֶע פַיינְט, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם", עֶס אִיז גוּט זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אֵיידֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף גוּטֶע פְרַיינְט; דִי אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ וֶועלְן אַרַיינְבְּלָאזְן אִין אַייךְ שְׁטַארְקֵייט, אִיר וֶועט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"א)

>>>>>>

טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

### מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!". אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶעַרַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן

<<<<<<

>>>>>>
נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

>>>>>>
מיט זיי אלע יארן, און זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן. אין יעדן מצב וואס זיי וועלן זיין, וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן, דער אייבערשטער גייט מיט זיי שטענדיג, און ער וועט זיי קיינמאל נישט פארלאזן.

עס דערמאנט זיך די התחלה פון די תלמוד תורה, מיט עלף יאר צוריק ווען די ההנהלה איז געזעסן ביי מוהרא"ש זי"ע חול המועד פסח אין יאר תש"ע איבערצוגיין אלע דעטאלן איבער די תלמוד תורה, האט מוהרא"ש דערציילט דעמאלט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט די ערשטע ברסלב'ע בית המדרש אין וויליאמסבורג.

בימים ההם איז ברסלב געווען א נייע זאך וואס ווייניג האט בכלל געהערט דערפון, מען האט זיך דאן זייער געמוטשעט מיט מנין. מאכט זיך אמאל אז דער גבאי פון בית המדרש האט זיך אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז נאך געווען דאן א פרישער יונגערמאן - אז מען מוטשעט זיך זייער מיט צוזאמשטעלן מנין יעדן שבת אין בית המדרש. האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין ווילאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ע תלמוד תורה", און ווען עס איז דעמאלט אריבערגעפארן דארט באסעס פון פארשידענע תלמוד תורה'ס, האט מוהרא"ש זיך אנגערופן צו אים, "דו זעסט די באסעס? אזוי וועלן ארום פארן באסעס וואס וועט שטיין אויף זיי "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב".

פאר דעם גבאי'ן איז דאס געווען ווי א ווילדער חלום, און ער האט זיך אנגערופן צו מוהרא"ש, "איר חלומ'ט בהקיץ", יעצט - האט מוהרא"ש אויסגעפירט - זעט מען אז די חלום איז ברוך ה' מקוים געווארן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך די תלמוד תורה גאר שטארק פארברייטערט און פארבעסערט במשך די יארן, צו די צופרידענהייט פון אלע עלטערן.

**ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן פוּן זָאגְן תְּהִילִים - אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן זָאגְן תְּהִילִים, תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן ר' יוּדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן - אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֵיךְ זוֹכִין שֶׁיִּהְיוּ הַדִּבּוּרִים בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב?" וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִילִים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל, אַז עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען פוּן הַארְץ? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "תֹּאמְרוּ לִי, אֵצֶל אֵיזֶה צַדִּיק קִבַּלְתֶּם הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב? הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה בַּפֶּה", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין **שׁוּם גֶעפִיל אוּן קֵיין שׁוּם טַעַם** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא).

עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם מִצְוָה: "צְרִיכִין לְהַרְגִּישׁ טַעַם בְּהַמִּצְוָה", אַז מֶען דַארְף שְׁפִּירְן אַ טַעַם וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין הִלְכוֹת תְּפִילִין אַז מֶען קֶען לֵייגְן תְּפִילִין נָאר וֶוען מֶען הָאט אַ גֶעפִיל. מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים - נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אָדֶער נִישְׁט.

נֶעם דִיר גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז: "אִידִישְׁקֵייט הָאט גָארְנִישְׁט מִיט גֶעפִילְן"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס דַארְף זַיין דֶער שְׁטְרֶעבְן פוּן אַ אִיד: צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת; גֵיין דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק צוּ זַיין אַ אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מח): אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעהֶערְט אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, עֶר אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּ' זַיין, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אֲנִי אוֹהֵב אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא", אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא! "וְכָל אָדָם אֲפִילוּ אִישׁ פָּשׁוּט, אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי אִם כְּשֶׁיָּכוֹל לַעֲמֹד בַּכֹּל כַּנַּ"ל", זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶער אִיד וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ **דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם שָׂכָר** - נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.**

**שצה**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב מִיטְ'ן נָאמֶען ר' לִיפָּא. עֶר אִיז גֶעוֶועןאַ חַסִידִישֶׁער אִיד וָואס אִיז גֶעפָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב [וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוּמְגֶעפֶער פוּפְצְן קִילָאמֶעטֶער פוּן בְּרֶסְלֶב] אַז סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אִין שְׁטָאט, הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַ גְרוֹיסֶע חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּ אִים.

עֶר אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן אִין לוֹיף פוּנֶעם שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן גָאר שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת וָוארְט בַּיי וָוארְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיּוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת.

**שצו**

בַּיי דִי שְׁמוּעֶסְן יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ מָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרֵיינָא נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב!". אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן דִי נֵייעֶ נְשָׁמָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען דֶער רֶבִּי מֵיינְט דֶערְמִיט.

**שצז**

יֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס מֶען הָאט דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן סְלִיחוֹת, הָאט ר' לִיפָּא בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק אַהֵיים צוּ גֵיין קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע צוּרִיק גֶעפָארְן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מִנְיָן וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן אוֹיְון אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְזָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת וָוארְט בַּיי וָוארְט מִיט הִתְלַהֲבוּת אוּן חַיּוּת, מִיט גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, וַוייל עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעוַוארֶעמְט פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מְ'קוּמְט אָן בַּיים סוֹף פוּן דִי סְלִיחוֹת, זָאגְט מֶען עֶס שׁוֹין שְׁנֶעלֶער. אָבֶער ר' לִיפָּא, מִיט זַיין גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת אוּן דְבֵיקוּת, הָאט אוֹיךְ בַּיים סוֹף פוּן דִי סְלִיחוֹת, דִי תְּפִלּוֹת פוּן "עֲנֵנוּ" אוּן פוּן "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הָאט עֶר אוֹיךְ דָאס גֶעזָאגְט הוֹיךְ מִיט גְרוֹיס כֹּחַ אוּן כַּוָונָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## סיום מסכת שקלים אין מאנסי

דעם זונטאג נאכט איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעפארן קיין מאנסי צום סיום מסכת שקלים וואס איז דארט אפגעהאלטן געווארן ברוב פאר והדר.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האבן מיר יעצט זוכה געווען צו פייערן דעם סיום אויף מסכת שקלים אויפ'ן סדר הש"ס וואס ווערט געלערנט אינעם דף הקהלה. ביי די יעצטיגע מסכתא איז די שמחה פיל גרעסער, ווען די דאזיגע מסכתא איז געלערנט געווארן אין די פארנומענע ערב יום טוב און פסח טעג, וואס טראץ די גרויסע טירדות האבן תלמידי היכל הקודש נישט אויפגעגעבן און נישט מוותר געווען פון לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, וואס איז ביי זיי א חק קבוע יעדן טאג ווי לייגן תפילין, ווי דער ראש ישיבה זאגט כסדר נאך פון ספר "יש נוחלין" פון א זון פון של"ה הקדוש.

עס איז א געוואלדיגע שמחה ביי אלע אנשי שלומינו ווען דער באן פארט ווייטער, מען רוקט זיך פון סטאנציע צו סטאנציע און מען פאלט ברוך השם נישט אראפ, מען רוקט זיך ברוך השם ווייטער און ווייטער אינאיינעם איין מסכתא נאכ'ן אנדערן, און מען האט שוין יעצט ברוך ה' געענדיגט די פינפטע מסכתא על סדר הש"ס.

נאך גרעסער איז די שמחה ווען מען האט זוכה געווען און געפאלגט דעם הייליגן רבי'ן און מען האט גענומען זיין מתנה דעם "סדר דרך הלימוד" (עיין שיחות הר"ן סימן ע"ו) פון "זאגן" די ווערטער פון די תורה, וואס נאר א דאנק דעם האט מען געקענט אנהאלטן דעם לימוד יעדן איינציגן טאג, נישט קיין חילוק צי מען האט געהאט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ אדער נישט, צי מען האט געהאט צייט אדער נישט, האט מען געוואוסט אז מען מוז לכל הפחות אפזאגן דעם דף פאר מ'לייגט זיך שלאפן.

דער סיום איז פארגעקומען אין מאנסי אין שטוב פון מו"ה אלי קנאלל הי"ו, אינאיינעם מיט פילע אנשי שלומינו פון מאנסי וואס קומען זיך צוזאם יעדע נאכט צו לערנען אינאיינעם א בלאט גמרא, עס ווערט אויפגעשפילט דער שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א ווי ער לערנט פאר די גמרא, אזוי ווי דער ראש ישיבה האט זיך איינגעפירט פארצולערנען יעדן טאג דעם בלאט פונעם קומענדיגן טאג, אז אנשי שלומינו זאלן קענען מיטהאלטן דעם שיעור באצייטנס בכל מקומות מושבותיהם.

מען האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט דברות קודש איבער די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון לערנען תורה יעדן טאג, און די חשיבות פון די חשובע אינגעלייט וואס זענען זיך קובע צו קומען לערנען יעדע נאכט דעם שיעור גמרא אינאיינעם, נאך א שווערע טאג ארבעט. ווי אויך האט ער ארומגערעדט נאך גאר אסאך אינטערעסאנטע נקודות. מ'קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב [זע אלע נומערן ביים סוף פונעם גליון] דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, דערנאך 2 פאר שיעורים פון ראש ישיבה, 1 פאר טעגליכע שיעורים, 7 שיעורים פון תשפ"א, 2 פאר שיעורים פונעם זומער זמן, און דערנאך 4 פאר'ן שיעור פון דעם סיום.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

# עלף יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג פון "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב" וויליאמסבורג

אין די יעצטיגע טעג ווערט אפגעצייכנט עלף יאר פון עס האט זיך געעפנט דער תלמוד תורה "היכל הקודש ברסלב" אין וויליאמסבורג. אין די לעצטע יארן, האט שוין די תלמוד תורה געהאט א ווייט גרייכנדע אפקלאנג, אלס א פלאץ וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה תפלה און יראת שמים על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן, אויפן וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

הכרת פניהם ענתה בם. ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, זעט מען אויף די קינדער א געוואלדיגע חן, אן איידלקייט און ערליכקייט וואס מען טרעפט נישט געווענליך. דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, ובנוסף וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך. די קינדער זענען שטענדיג פארנומען צו דערציילן "מעשיות פון תפלה", זאכן וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

די הארץ ווערט איבערגענומען ווען מען הערט ווי די תמימות'דיגע קינדער דערציילן ווי זיי בעטן יעדע זאך דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות און ווי דער אייבערשטער העלפט זיי שטענדיג. עטליכע קינדער האבן דערציילט פאר'ן מלמד נאך פסח, אז זיי האבן נישט געוואלט מוטשען זייערע עלטערן צו באקומען א גוטע אפיקומן, אנשטאט דעם מוטשען זיי ענדערש דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט זיי זיכער העלפן.

ווען עס ווערט איינגעבאקן אין די יונגע הערצער צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועט דאס מיטוואקסן

<<<<<<


## טראכט פון א צווייטן

אז דו וועסט טראכטן ווי אזוי פרייליך צו מאכן א צווייטן, מאכן גוט פאר יענעם, וועט דיר אויך זיין זייער גוט

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 7, 2, 3

## עצתו אמונה ביי אייער טיר




סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876


הפצת הגליון בבארא פארק ובמאנסי נתנדב לרגל יומא דהילולא קדישא של הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר זצוק"ל

< BreslevCenter.com >